**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/15/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט דאס איינפירן א נייע אָנליין וועידזש און באשעפטיגונג מיטלען אלס טייל פון אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו מערן דורכזעעדיגקייט**

***נייע אינטעראקטיווע דעשבאָורדס אויפ׳ן לעיבאר דעפארטמענט דעפּאַרטמענט׳ס וועבזייטל מאכט לייכטער דאס זוכן באשעפטיגונג און וועידזש דאטע***

***באזארגט אינדוסטריע-ספעציפישע באשעפטיגונג און וועידזש דאטע פאר באלד 800 דזשאב טיטלען לענגאויס ניו יארק סטעיט***

***טייל פון לעיבאר דעפארטמענט׳ס אגענטור-ברייטע [דורכזעעדיגקייט פלאן](#)***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס איינפירן צוויי נייע אינטעראקטיווע מיטלען אויפ׳ן אינטערנעט געאייגנט צו פארבעסערן דורכזעעדיגקייט און פארבעסערן צוטריט צו באשעפטיגונג סטאטיסטיק און באשעפטיגונג געהאלט אינפארמאציע. די [איצטיגע באשעפטיגונג סטאטיסטיק](#) דעשבאָורד גיבט חודש׳ליכע אפשאצונגען אויף נישט-פאַרם באשעפטיגונג, שעה׳ן, און פארדינסטן דורך אינדוסטריע פאר ניו יארק סטעיט, מעטראפאליטען געגנטער און קאונטיס אינדרויסן פון מעטראפאליטען געגנטער. [די באשעפטיגונג און געהאלט סטאטיסטיק](#) דעשבאָורד גיבט אפגעשאצטע באשעפטיגונג און געהאלט פאר באלד 800 דזשאב טיטלען לענגאויס ניו יארק סטעיט.ביידע דעשבאָורדס זענען גרינג צוטריטליך אויפ׳ן וועבזייטל פונ׳ם לעיבאר דעפארטמענט. די מעלדונג קומט גלייכצייטיג מיט ׳סאָנשיין׳ וואך, א נאציאנאלע אונטערנעמונג וועלכע הייבט ארויס באמיאונגען צו העכערן דורכזעעדיגקייט און אפנקייט אין רעגירונג.

״פון מיין ערשטן טאג, האט מיין אדמיניסטראציע פארשפראכן אונטערצוהייבן דורכזעעדיגקייט און אויפריכטן צוטרוי אז פראדוצירן ריכטיגע רעזולטאטן פאר טאג-טעגליכע ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די נייע, גרינג צוגענגליכע באשעפטיגונג און געהאלט דאטע דעשבאָורדס פארטרעט אונזערע לעצטע באמיאונגען צו האלטן ווארט אויף דעם צוזאג — איבערשפאנען די אינפארמאציע איבערהייס און העלפן ניו יארקער פארשטיין די פולע פארנעם פון צוטריטליכע דזשאב געלעגנהייטן און פארמעסטערישע געהאלט. דאס באהעפטן מענטשן מיט די רעלעוואנטע דזשאב און געהאלט אינפארמאציע איז קיינמאל פריער נישט געווען אזוי נויטיג ווי היינט — אזוי ווי פילע זוכן איבערצובויען און איבער-אויסטייטשן זייערע קאריערעס אויף די שפירן פון דער פאנדעמיע.״

דער CES דעשבאָורד קען גענוצט ווערן אויף מערערע וועגן, אריינגערעכנט זוכן אן איינציגע אינדוסטריע באזירט אויף געאגראפיע, צייט און סעזאנעלע צופאסונג. די חודש׳ליכע אפשאצונגען זענען באזירט אויף אן אנקעטע פון איבער 18,000 ביזנעסער איבער׳ן גאנצן סטעיט. באניצער קענען אויך בויען זייערע אייגענע דאטעסעטס און באקומען דאטע פאר מערערע אינדוסטריעס אין מער ווי איין ראיאן.

דער OEWS דעשבאָורד ערמעגליכט פאר באניצער צו זוכן באשעפטיגונג און געהאלט אינפארמאציע לויט דער סארט באשעפטיגונג. עס ערמעגליכט אויך פאר באניצער צו פארגלייכן געהאלטן פאר אקופאציעס איבערן סטעיט, זען געהאלטן פאר אקופאציעס אינערהאלב גרופעס און זען אקופאציאנעלע באשעפטיגונג לויט דער אינדוסטריע.

די נייע פראגראמען זענען אין צוגאב צו אנדערע ווירטועלע דאטע מיטלען אנגעבאטן אויף דעם NYSDOL [וועבזייטל](), אריינגערעכנט [ארבעטסקראפט און אומבאשעפטיגקייט דאטע](), [געוועגליכע אומבאשעפטיגקייט אינשורענס געהאלטן]() און נאך אסאך.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמיסיאנערין ראבערטא רירדאן האט געזאגט,** ״גאווערנער האקול זעצט פאר ווייטער צו זיין א טשעמפיאן פאר דורכזעעדיגקייט. די מיטלען זענען ווידער נאך א ממשות׳דיגע רעזולטאט פון איר אנטשלאסנקייט אראפצוברעכן באצוימונגען אין סטעיט רעגירונג צו פובליק אינפארמאציע. דאטע קען אונז בעסער העלפן פארשטיין די ריכטונג-גאנגען לענגאויס ניו יארק סטעיט. מיט די מיטלען, קענען ניו יארקער זען באשעפטיגונג ריכטונג-גאנגען אין זייערע ראיאנען און ווייטער ארום, נאכקוקן געהאלטן אין אקופאציעס פון אינטערעסט און נאך. די נייע דעשבאָורדס געבן ניו יארקער די מעגליכקייט צו גרינגערהייט אויסזוכן באשעפטיגונג אינפארמאציע פאר זיך אליין.״

דאס איינפירן די נייע אינטערנעט מיטלען צייגן די לעצטע באמיאונג פון גאווערנער האקול צו העכערן דורכזעעדיגקייט, פאראנטווארטליכקייט און עטיקס אין סטעיט רעגירונג. אום מאנטאג האט גאווערנער האקול אנאנסירט אז דער ניו יארק סטעיט פירט ווייטער אן באמיאונגען צו פארשנעלערן דעם פראצעס פון ענטפערן פובליק פאדערונגען, און פאראורדענט פאר דעם סטעיט אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס ארויסצוגעבן אן איינלאדנונג פאר אפשאצונגען׳ אויף איינצושאפן א סאָפטוועיר פלאטפארמע וועלכס פארשנעלערן די צייט אפשניט פאר ערהאלטן, פראצעסירן, אדער ענטפערן FOIL פארלאנגען.

אין איר סטעיט אָוו דע סטעיט אדרעס, האט גאווערנער האקול געמאלדן פארשלאגן צו רעפארמירן די געמיינזאמע קאמיסיע אויף פובליק עטיקס און איינפירן טערמין באגרעניצונגען און פארבאטן אויף אויסערליכע איינקונפט פאר סטעיט-ברייטע ערוויילטע באאמטע. וואכן נאך אריינקומען אין אמט, האט גאווערנער האקול עפנטליך ארויסגעלאזט דורכזעעדיגקייט פלענער פון איבער 70 סטעיט אגענטורן, צוריקציאונג פאָליסיס פאר הויכראנקיגע סטעיט באאמטע, און איינפירן נייע באשעפטיגונג פאָליסיס צו באשיצן ארבעטער איבערן סטעיט רעגירונג אינסטאנצן און אינערהאלב דעם עקזעקיוטיוו טשעימבער פון דיסקרימינאציע און באפאלערישקייט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov]()
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov]() | 518.474.8418